בס"ד

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

פרשת פקודי
שנת תשפ"ה

גליון כ"ה

## לְהִתְעַנֵּג עַל ה' (ג)

### אריבערברענגען דעם תענוג גשמי צו רוחניות

אויב מען שיידט זיך אפ פון גשמיות קען מען נישט מעלה זיין דעם תענוג | **דער דרך הבעל שם טוב איז דייקא געווען פארקערט פון תעניתים** | תעניתים און סיגופים שוואכן אפ דעם מענטש | **א שוואכער איד איז א שוואכער איד** | דער אויבערשטער וויל דווקא די עבודה פון מענטשן וואס האבן יא הנאה פון דער גשמיות'דיגער וועלט | **מיט אהבת ה', אהבת התורה און אהבת ישראל דארף מען נישט מאכן קיין סיגופים** | נישט אנרייצן דעם יצר הרע דורכ'ן אוועקווארפן גשמיות | **בעסער אפשטופן גשמיות'דיגע תענוגים ווי זיך אפשיידן דערפון** | ווען א מענטש שטופט אפ זיינע גשמיות'דיגע הנאות ברענגט ער אראפ א מורא'דיגע קדושה | **די עבודה איז טרעפן דעם תענוג רוחני און יעדן שטיק גשמיות** | אנטפלעקן דעם 'אין' אינעם נישטיגן 'יש'

## אריינפיר

מיר האבן אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע גליונות אז דער תכלית פון גשמיות'דיגע תענוגים איז צו דערנענטערן דעם מענטש צום אמת'ן תענוג רוחני, ווייל דער תענוג וואס ליגט אין גשמיות קומט באמת פון א העכערן מקור עליון, וואס איז דער מקור התענוגים וואס האט זיך באהאלטן אין גשמיות.

אזוי אויך האבן מיר ארומגערעדט באריכות אז וויבאלד תענוג איז א העכערער מושג, ווערט א איד קיינמאל נישט זאט ווערן פון גשמיות'דיגע תענוגים, נאר ווען מען איז עס מקשר מיט רוחניות. און וואס מער א מענטש שיידט זיך אפ פון א גשמיות'דיגן תענוג, אלץ מער באקומט ער קענען דעם צו שפירן א העכערן רוחניות'דיגן תענוג.

אין דעם גליון וועלן מיר ממשיך זיין מיט דעם ענין, און ארויסברענגען אז דער דרך הבעל שם טוב הקדוש זי"ע, איז אז א מענטש זאל זיך נישט גענצליך אפשיידן פון תענוגי עולם הזה און פאסטן תעניתים, נאר אדרבה, דווקא בשעת'ן עסן אדער טון אנדערע תענוגי עולם הזה זאל מען דאס אויפהייבן צום אויבערשטן און ווערן באהאפטן צו אים, און דאס איז דער וועג מעלה צו זיין די תענוגים צום אויבערשטן.

א

## מעלה זיין די גרעסטע תענוגים צו רוחניות

### דער אויסטערלישער תענוג פון רוחניות

יעדער איינער קען כאטש אין איד וואס זיין גאנץ לעבן איז געווידמעט פאר עבודת ה'. ער לעבט אריין אין א דאווענען, אין א שבת קודש, ער קאכט זיך אין א מצוה און זיין עיקר חיות קומט פון רוחניות'דיגע תענוגים. לעומת זה, גשמיות רעדט נישט צו אים, ער האט נישט קיין גרויסן עולם הזה, און עס אינטערעסירט אים נישט אלע גשמיות'דיגע תענוגים וואס מענטשן לעבן דערמיט טאג-טעגליך.

ווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט באריכות, איז נישט דער פשט אז אזא איד 'דערלייגט' זיין עולם הזה מיט'ן חשבון אז ער באקומט קעגן דעם עולם הבא אויף יענער וועלט, נאר ס'איז פונקט פארקערט, און אזא איד, וואס איז נישט אריינגעטון אין די תענוגי עולם הזה און כאפט נישט אזא גרויסע התפעלות פון די גשמיות'דיגע תענוגים, איז **אויטאמאטיש סאך מער מחובר צום תענוג רוחני**, זיין תענוג פון עבודת ה' שטייגט פילפאכיג איבער די גרעסטע הנאות פון די גרעסטע תענוגי עולם הזה.

אבער עס זאל זיך נישט דאכטן אז היות אזא איד לעבט אגאנצן טאג מיט רוחניות קומט אויס אז ער פילט נישט קיין טעם אין דעם גשמיות'דיגן לעבן, ווייל ער ווערט אויסגעשלאסן פונעם עולם הזה און ער לעבט כאילו אין אן אנדערער וועלט; **פונקט פארקערט, ער שפירט דא אויף דער וועלט**

> **דער נידריגער בעל עבירה, וואס האט זיך נאכגעגעבן אלע סארטן תענוגי עולם הזה, איז געווארן אויסער זיך צו זען וואספארא תענוג דער צדיק שפירט אינעם עסן, אזוינס וואס ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געשפירט.**

**א נייעם מין תענוג**, וואס פילט אים אן מיט אמת'ער שמחה און פרייד, וואס קען נישט ווערן צוגעגליכן צו קיין שום תענוג עולם הזה. אפילו זיין עולם הזה באקומט עפעס א זיסן באדייט, וואס עס איז נישט מעגליך צוצוקומען דערצו איינער וואס זעט נאר דעם גשמיות'דיגן תענוג דערין.

עס ווערט דערציילט אז א גרויסער בעל עבירה ל"ע איז אמאל געקומען צום הייליגן קדושת לוי זי"ע ווען ער האט געהאלטן אנהייב סעודה אינמיטן עסן דעם כזית 'המוציא', און ער האט געזען ווי דער הייליגער בארדיטשובער רב עסט דאס שטיקל חלה מיט אן אויסטערלישן תענוג און געשמאק. האט ער זיך אנגערופן מיט גרויס התרגשות, "איך קען שווערן, אז דער גרעסטער תענוג וואס איך האב נאר געהאט אין מיין לעבן האט מיר נישט געמאכט אזא תענוג ווי דאס וואס דער צדיק פילט ביים עסן דעם כזית חלה!"

דעם הייליגן קדושת לוי'ס תענוג איז אוודאי נישט געווען פון דעם גשמיות'דיגן עסן, ווייל וועלכער תענוג פילט מען שוין אין א פשוט שטיקל חלה, נאר היות ער האט זיך אזוי אפגעשיידט פון תענוגי עולם הזה, **האט ער זוכה געווען צו שפירן אינעם כזית חלה א תענוג רוחני**, אויף אזוי ווייט, אז דער נידריגער בעל עבירה וואס האט זיך נאכגעגעבן אלע סארטן תענוגי עולם הזה איז געווארן אויסער זיך צו זען וואספארא תענוג דער צדיק שפירט אינעם עסן, אזוינס וואס ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געשפירט. ווייל דער קדושת לוי האט באקומען זיין תענוג גלייך פונעם **מקור התענוג**, וואס איז באמת דער גרעסטער תענוג וואס קיין שום תענוג גשמי קען נישט ערפילן.

## יעקב אבינו ברענגט ארויף זיינע אהבה געפילן צום אויבערשטן

דאס איז געווען די עבודה פון די צדיקים אין אלע דורות, צו נעמען יעדן תענוג און דאס אויפהייבן נאך צום באשעפער.

דער מדרש דערציילט (מדרש אגדה; עי' רש"י בראשית מו, כט ד"ה ויבך) אז ווען יעקב אבינו האט זיך געטראפן מיט זיין זון יוסף, נאכ'ן זיך נישט זען פאר איבער צוואנציג יאר, האט יעקב אבינו געליינט קריאת שמע. לכאורה איז שווער צו פארשטיין, אז אויב איז געווען דעמאלט דער זמן קריאת שמע, פארוואס האט יוסף נישט געליינט קריאת שמע? און אויב איז נישט געווען דער זמן, פארוואס האט יעקב אבינו פונקט יענע מינוט געליינט קריאת שמע? האט ער נישט געקענט לייענען א מינוט פארדעם אדער נאכדעם?

איז דער הייליגער מהר"ל (גור אריה בראשית מו, כט) מסביר, אז ווען יעקב אבינו האט זיך באגעגנט מיט זיין זון יוסף נאך לאנגע יארן וואס זיין הארץ איז אויסגעגאנגען פאר צער און זארג אויף אים, איז נישט שייך משיג צו זיין וואספארא אויסטערלישע אהבה דאס האט ערוועקט אין אים יענע מינוט. **ער איז אויסגעגאנגען פאר פרייד אז ער האט ב"ה דערלעבט זיך ווידער צו זען מיט'ן טייערן בן יקיר**, זיין ילד שעשועים, און נאך מיט א שלימות פון קדושה וואס איז נישט נפגם געווארן אין דער נידריגער טומאת מצרים.

אבער וואס האט יעקב אבינו דאן געטון? ער האט גענומען דעם געוואלדיגן תענוג פון אהבת האב על הבן, און עס אוועקגעגעבן פאר'ן אויבערשטן. ער האט זיך געגעבן א שטעל אפ און געזאגט: **"שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"!** די אויסטערלישע אהבה וויל איך געבן נאר פאר'ן אויבערשטן אליין, אים ליב צו האבן מיט דער גרעסטער מאס ליבשאפט וואס איז שייך

דאס איז דער תירוץ, אז עס איז נישט געווען דעמאלט דער זמן קריאת שמע, נאר ווייבאלד יעקב אבינו האט געשפירט אזא אויסטערלישע אהבה וואס האט נישט אירס גלייכן, האט ער **תיכף ומיד געליינט קריאת שמע** און מייחד געווען זיין גאנצע אהבה צום ה' אחד.

דאס איז די עבודה פון איבערדרייען דעם תענוג גשמי אויף א תענוג רוחני. ווען א איד טראכט צו זיך בשעת ער קען געניסן פון א תענוג גשמי אז עס איז ממש א שאד צו בלייבן שטעקן אין דעם שטיק גשמיות, ווען אין דער צייט קען ער דאס דערהייבן צום מקור התענוג – ווייל באמת איז דאס גאר א הויכע זאך, נאר אין אונזערע אויגן קוקט דאס אויס ווי א גשמיות'דיגע הנאה – באקומט ער פון אויבן טאקע צו שפירן א העכערן תענוג וואס איז נישט צום באגרייפן.

ב

# נישט אפלאזן דעם עולם הזה

### מוז מען טאקע אפלאזן אלע גשמיות'דיגע הנאות?

לויט ווי מיר שמועסן דא, אז א תענוג גשמי איז כאין וכאפס קעגן דעם תענוג רוחני, קען א מענטש אנהייבן טראכטן: וואס לוינט זיך מיר דאס גאנצע געשעפט עוסק צו זיין אין גשמיות און דארפן ארבעטן שווער צו טרעפן די רוחניות'דיגע נקודה דערין? אפשר זאל איך זיך אינגאנצן אפשיידן פון גשמיות און זיך אריינטון געגצליך אין רוחניות?

א איד קען קלערן צו זיך: לאמיך אנהייבן צו פאסטן תעניתים און אויפגעבן אלע מיינע גשמיות'דיגע תענוגים, ווייל דאס איז דאך באמת גארנישט מיט נישט, דאס איז הוילע שטותים און הבלים, און צו שפירן דעם אמת'ן תענוג רוחני איז דאך טויזנט מאל בעסער, אויב אזוי וועל איך פון היינט מאל אן אויפהערן צו עסן נארמאל און מקיים זיין דעם 'פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה', איך וועל זיך געגצליך אפשיידן פון תענוגי עולם הזה און נאר וועלן געניסן פונעם אמת'ן תענוג רוחני.

איז קודם דארף מען וויסן אז ביי יעדער זאך אין עבודת ה' **דארפן מיר זיין אויפריכטיג מיט זיך אליין**, און אסאך מאל רעדט מען זיך איין אז מען טוט א דערהויבענע זאך, וואס מען גייט דערמיט ארויפגיין הויכע מדריגות, אבער באמת קומט דאס ח"ו פונעם יצר הרע וואס זוכט אונז אריינכאפן אין זאק אריין אונטער א שלייער פון ערליכקייט.

כאטש עס זענען געווען צדיקים וואס זענען געגאנגען אויף דעם מהלך פון פראוון סיגופים, פאסטן תעניתים, זיך אפשיידן גענצליך פון עולם הזה און אזעלכע סארטע זאכן, דארף מען וויסן אז דאס איז נאר פאר גאר הויכע בעלי מדריגה, וואס האבן זיך שוין אזוי ווייט אויסגעארבעט אז עס אינטערעסירט זיי שוין בכלל נישט קיין גשמיות'דיגע תענוגים [זע תוספת נופך א'].

אבער איינער וואס שפירט נאך א הנאה פון א געשמאקן מאכל, אויב וועט ער אויפאמאל אפלאזן אלע זיינע גשמיות'דיגע תענוגים און נאר וועלן געניסן פונעם מקור התענוג, וועט דאס נישט האלטן פאר מער ווי געציילטע טעג, און דאן איז זיין **גאנצע עבודת ה' איינגעשטעלט אין א גרויסער סכנה** (ווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט באריכות די נקודה אין די גליונות פון ביטול, אז אפילו ביי עבודת ה' טאר מען נישט

קריכן אויף צו הויכע מדריגות, ווייל דעמאלט מיינט מען 'זיך' און נישט דעם אויבערשטן).

## דער דרך הבעל שם טוב זי"ע: דייקא נישט סיגופים

דער דרך פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז געווען אז אין די שוואכערע דורות זאל מען **דווקא נישט מרבה זיין מיט תעניתים און סיגופים**, וואס צעברעכן דעם גוף, ווייל צוזאמען מיט דעם צעברעכט עס אויך די נשמה, און על פי רוב ברענגט עס פארקערטע רעזולטאטן פון זיך דערהייבן צום אויבערשטן. יעדער קען אליין זען אז רוב מענטשן היינטיגע צייטן קענען קוים אויסהאלטן די תעניתים וואס מען מוז פאסטן על פי הלכה, און ווען מען פאסט איז דער קאפ נישט אויפ'ן פלאץ. אויב אזוי, וואס וועט מען פארדינען פון צולייגן נאך תעניתים סתם אפצושוואכן דעם גוף?

כאטש וואס אין די פריערדיגע דורות איז יא געווען אנגענומען א געוויסן דרך אין עבודת ה' וואס איז צוגעגאנגען מיט תעניתים און סיגופים, איז אבער דער דרך הבעל שם טוב קלאר געווען אנדערש. איינער פון די הויפט יסודות אינעם דרך החסידות איז אז דער מהלך פון זיך אויספייניגן דעם גוף איז נישט געמאכט פאר די היינטיגע דורות, נאר פארקערט, היינטיגע טעג קען דאס חלילה ברענגען א פארקערטן תועלת חלילה (מאור ושמש הפטורת שבת שובה; עירין קדישין ויקרא ד"ה אדם כי יקריב; נתיב מצותיך נתיב אמונה שביל ה' אות ב'; דברי שלום בדרושים לחנוכה, דרוש א').

אין ספר בעל שם טוב (פ' משפטים אות י"ז) שטייט אז מען האט געפרעגט דעם בעל שם טוב הקדוש אז מיר ווייסן דאך אז חסידים ואנשי מעשה פון די פריערדיגע יארן פלעגן פאסטן משבת לשבת, פארוואס האט עס דער רבי מבטל געווען, זאגנדיג אז ווער עס פייניגט

> **וויבאלד יעקב אבינו האט געשפירט אזא אויסטערלישע אהבה וואס האט נישט אירס גלייכן, האט ער תיכף ומיד געליינט קריאת שמע און מייחד געווען זיין גאנצע אהבה צום ה' אחד.**

זיך דעם גוף איז עתיד ליתן את הדין; און אויב דאס נישט, וואס איז יא דער עיקר עבודה. האט דער הייליגער בעל שם טוב געענטפערט, "מיין מיינונג איז אז א מענטש זאל זיך אננעמען די דריי זאכן: אהבת השי"ת, אהבת ישראל, אהבת התורה, און ער דארף נישט מאכן קיין סיגופים."

דער בעל שם טוב הקדוש האט געזאגט (צוואת הריב"ש אות צ"ו) אז ווען דער גוף איז נישט געזונט איז אויך די נשמה שוואך, און מען קען נישט דאווענען ווי עס דארף צו זיין אפילו מען איז ריין פון עבירות, דעריבער דארף א מענטש זיך זייער היטן דאס געזונט.

## א שוואכער איד איז א שוואכער איד

אויך ווערט געברענגט בשם דעם הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע אז **"א קליינער לאָך אינעם גוף איז א גרויסער לאָך אין דער נשמה"**, און די מציאות ווייזט אז די וואס האבן זיך גענומען פייניגן זייער גוף זענען צום סוף שוואך געווארן נישט נאר אין גשמיות נאר סאך מער אין רוחניות, און דאס איז **מעשה יצר**, אפצושוואכן דעם איד פון דינען דעם אויבערשטן מיט'ן גאנצן כוח.

אזוי האט אויך דער הייליגער ריזשינער זי"ע געטייטשט דעם פסוק (תהלים פג, ה): "**אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד**", אז '**מִגּוֹי**' קען מען ליינען '**מִגֵּוִי**' – פון זיין גוף, און דער שונא, דער יצר הרע, זאגט, "לאמיר חרוב מאכן דעם אידישן גוף, לאמיר אים אפשוואכן", אבער זיין ציל איז איין זאך: '**ולא יזכר שם ישראל עוד**' ח"ו, אז דער איד זאל ווערן מאכטלאז און נישט האבן קיין כוח צו דינען דעם בורא כל עולמים. ווי צדיקים פלעגן זאגן: "א שוואכער איד איז א שוואכער איד", דאס הייסט, אויב זיינע **כוחות** זענען שוואך איז ער ח"ו שוואך אין **אידישקייט**.

אויך דער הייליגער תולדות יעקב יוסף (פ' חיי שרה) ברענגט בשם הרה"ק ר' נחמן הארادענקער זי"ע אז א דאקטער קען היילן מיט שארפע מעדיצינען וואס זענען זייער ביטער, אבער בעסער איז צו היילן מיט זיסע מעדיצינען. איז ער מסביר, אז איינער וואס דינט דעם אויבערשטן מיט תעניתים און סיגופים, שארפע מעדיצינען, שטעלט זיך איין אז ער זאל נישט מלמד זכות זיין אויף אנדערע אידן וואס פירן זיך נישט אזוי, און ער האלט אז זיי זענען נישט קיין עובדי ה'. משא"כ איינער וואס ניצט זיסע מעדיצינען, ער געדענקט אז אפילו מען איז עוסק אין גשמיות קען מען אויך מקיים זיין דעם 'בכל דרכיך דעהו' און דינען דעם אויבערשטן דערמיט, וועט יא מלמד זכות זיין אויף אנדערע אידן וואס זענען עוסק אין גשמיות, אז זיכער טוען זיי דאס מיט א כוונה צו דינען דעם אויבערשטן (תולדות יעקב יוסף ויצא ד"ה וזה שביארנו לעיל; שארית ישראל שער הזמנים דרושים לשבועות מאמר ג').

ג

# ניצן די גשמיות אויף רוחניות'דיגע צוועקן

## טרעפן דעם 'אין' דווקא אינעם 'יש'

עס איז אמת אז מען טאר נישט עוסק זיין אין סיגופים און תעניתים היינט ווייל די דורות זענען שוואכער, אבער די הויפט סיבה פארוואס דער בעל שם טוב הקדוש האט געהאלטן אז מען דארף דייקא יא עוסק זיין אין גשמיות האט צוטון מיט דער תורת הבעל שם טוב, ווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע גליונות באריכות אז די עבודה פון א איד איז אויפצוטוישן דעם תענוג גשמי פאר א תענוג רוחני.

טאקע דאס איז געווען דער גילוי פון דעם בעל שם טוב הקדוש, אז **מען טאר זיך נישט ארײנלאזן אין תעניתים און סיגופים**, ווייל אויב מען שיידט זיך גענצליך אפ פון גשמיות איז נישט שייך אויפצוטוישן דעם תענוג גשמי פאר א תענוג רוחני. דער דרך החסידות איז דווקא יא עוסק צו זיין אין גשמיות און פון דארט עס ארויפברענגען צום באשעפער, כאטש עס קען צומאל זיין נאך שווערער ווי זיך גענצליך אפשיידן פון גשמיות.

מיר האבן שוין זייער קלאר מסביר געווען אז דער ציל פון דער בריאה, וואס דערפאר האט דער אויבערשטער אראפגעשיקט דעם מענטש אויפ'ן עולם השפל וואו ער מוטשעט זיך מיט אזויפיל שוועריגקייטן ברוחניות ובגשמיות, איז בלויז כדי ער זאל אנטדעקן און אנטפלעקן דעם העכערן ניצוץ אלוקי אפילו אין דעם גרעסטן צמצום פון עולם הזה. דאס דארף זיין אונזער שטרעבן, ווייל צוליב דעם זענען מיר געקומען אויף דער וועלט.

אויב א איד וועט זיך גענצליך אפשיידן פון תענוגי עולם הזה, ער וועט זיכער מאכן נישט צו האבן קיין שום תענוג עולם הזה, איז אויסער דעם וואס ער שטעלט זיך אויס פאר א כמעט זיכערן דורכפאל, וועט ער סתם אזוי נישט האבן דערגרייכט זיין ציל פון טרעפן דעם 'אין' אין דעם 'יש'.

## עבודת ה' מיט תענוגים

דער ריכטיגער וועג וואס דער בעל שם טוב הקדוש האט אוועקגעשטעלט מיט'ן דרך החסידות איז צו דינען דעם אויבערשטן טאקע

> **דער דרך הבעל שם הקדוש זי"ע איז געווען אז אין די שוואכערע דורות זאל מען דווקא נישט מרבה זיין מיט תעניתים און סיגופים וואס צעברעכן דעם גוף, ווייל צוזאמען מיט דעם צעברעכט עס אויך די נשמה.**

מיט די תענוגי עולם הזה. ווען מיר טרעפן זיך אן אויף טריט און שריט מיט נאך און נאך תענוגים וואס דער עולם הגשמי שלאגט פאר, זאלן מיר **טאקע דארט** אריינברענגען דעם אויבערשטן, און ממילא דארף מען שוין נישט אנטליפן פון דעם ווייל דאס אליין ווערט א שטיק עבודת ה'. דער אויבערשטער וויל דווקא די עבודה פון מענטשן וואס האבן יא הנאה פון דער גשמיות'דיגער וועלט.

דער אויבערשטער וואלט דאך געקענט באשאפן די וועלט אויף אן אופן אז דער מענטש זאל נישט דארפן עסן און טרינקען, נישט דארפן שלאפן, נישט דארפן זיך אויסלופטערן פון צייט צו צייט, נאר קענען זיצן שעות לאנג איבערגעבויגן איבער דער גמרא אן מפסיק זיין א רגע פאר קיין שום זאך. **ער האט טאקע באשאפן אזעלכע ברואים**, אבער נישט אויף אונזער וועלט, נאר אויף די העכערע וועלטן, דאס זענען די מלאכים וואס האבן נישט קיין גוף, נישט קיין יצר הרע, נישט קיין ביזנעס און נישט קיין תאוות, נאר בלויז די איין זאך: "וכולם עושים באימה וביראה רצון קונם"

איז פארוואס האט ער אונז יא באשאפן מיט א גוף, מיט א יצר הרע, מיט תאוות, מיט א משיכה צו גשמיות און צו אנדערע נידריגע זאכן? ווייל טאקע דאס וויל ער, אז מיר מענטשן זאלן אים דא אריינברענגען אין אונז אריין, אין די גשמיות'דיגע תענוגים, אין אונזער טעלער, אין אונזער גוף (מאור עינים פרשת מטות ד"ה וידבר משה).

## מיט דער ברכה אליין האסטו אים שוין געטראפן

עס גלוסט זיך דיר א קאלט גלעזל קאָלע? פיין, האב הנאה, אבער ווער נישט אריינגעשלעפט אין דעם געטראנק; פארקערט, נעם עס און שלעפ עס ארויף צום אויבערשטן. גיב נאר איין מינוט א טראכט: דאס זיסע געטראנק איז נישט באשאפן געווארן פון זיך אליין, דער תענוג קומט דאך פון דעם מקור התענוגים וואס האט דאס אראפגעשיקט דא אויף דער מגושמ'דיגער וועלט, און ער ווארט אז איך זאל אים דא טרעפן און גרויס מאכן זיין נאמען [זע תוספת נופך ב'].

וויאזוי טרעף איך זיך דא מיט'ן אויבערשטן? וואס הייסט, **ווען דו מאכסט אן ערליכע ברכה 'שהכל נהיה בדברו' האסטו אים שוין געטראפן!** מיט דעם אליין האסטו זיך יעצט אריינגענומען אין געדאנק דעם אמת, אז דער אויבערשטער איז דער קעניג פון דער וועלט, ווייל ער האט **אלעס** באשאפן (מאור עינים מטות ד"ה וידבר משה; רב ייבי וישלח ד"ה ויבא יעקב שלם).

## פארוואס א איד מאכט א לחיים

ביי ביזנעסלייט איז איינגעפירט אז ווען מען האלט איידער'ן שליסן א מקח הייבט מען אויף א גלעזל משקה און מען מאכט א 'לחיים'. א גוי וואס שליסט א מקח טרינקט בלויז פאר זיין הנאה און גארנישט מער, דאס הייסט אז עס אינטערעסירט אים נאר זיין תענוג גשמי, ער האט הנאה אז ער גייט דא פארדינען נאך א מיליאן, און איניינוועגס האט ער אויך הנאה פון א גוטן בראנפן צו פייערן זיין געווינס.

ווי אנדערש איז אבער א אידיש קינד! מיר חזר'ן זיך טאג-טעגליך איין: "**ברוך הוא אלקינו שבראנו" – פארוואס? – "לכבודו**". מיר זענען איבערצייגט אז אונזער גאנצער באשאף איז פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד וועגן. ווען א איד שליסט א מקח, טרינקט ער אויך א גלעזל לחיים, אבער אין חילוק איז דא, אז ער מאכט פארדעם אן ערליכע ברכה 'שהכל', און מיט דעם שרייט ער אויס, "הייליגער באשעפער, איך ווייס און איך גלייב אז די הנאה פונעם מקח קומט פון דיר, פונעם מקור התענוג. אויפ'ן געשעפט אליין קען איך נישט מאכן קיין ברכה, דערפאר מאך איך א ברכה אויף א פיינעם גלעזל משקה, צו קענען ארויסברענגען מיין אמונה פשוטה אז דו ביסט דער מקור התענוג און אלעס קומט נאר פון דיר!"

ווען א איד מאכט א שמחה, עס ווערט אים געבוירן א קינד, ער שליסט א שידוך, ער מאכט בר מצוה אדער א חנוכת הבית, רופט ער צוזאם זיינע חברים און ידידים, ער גרייט צו רייכע געשמאקע כיבוד און מען ווינטשט זיך ברכות פון טיפן הארצן. אבער דא ווערט ארויסגעברענגט נאך א גאר טיפע כוונה **"רבותי, מאכטס א ברכה, לאמיר בענטשן דעם אויבערשטן!"** ווייל מיר אנערקענען אז דער תענוג און הנאה קומט פונעם מקור התענוג, ער איז דא מיט אונז. ווען מען געדענקט דאס, נעמט מען דעם 'יש' פון גשמיות און מען דרייט עס איבער אויף 'אין', און מען אנערקענט אז דאס איז בעצם אן אור אלוקי פונעם אויבערשטן.

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די גמרא זאגט (ברכות לה:) אז איינער וואס עסט אן א ברכה איז כאילו ער גזל'ט פונעם אויבערשטן. לכאורה, וואס איז פשט אז ער גזל'ט פונעם אויבערשטן; צי איז דען שייך צו גזל'ען פונעם אויבערשטן? נאר פשט איז אז ער גזל'ט אוועק דעם 'אין' וואס געפינט זיך אינעם מאכל, און ער לאזט דאס נאר מיט'ן פארשטעלטן 'יש', ווייל אז ער מאכט נישט קיין ברכה ווייזט ער אז ער געדענקט נישט אז דאס קומט פונעם מקור התענוג וואס גיט אריין אין דעם די גאנצע חיות

## עבודת השי"ת מיט א טעם אין גשמיות

א איד, איבערהויפט א יונגער בחור וואס דארף דאס נאך מער האבן, וואס פילט ביי זיך אז אויב ער וועט עסן א פיינעם מאכל וועט דאס אים צוגעבן ישוב הדעת אז ער זאל קענען בעסער לערנען אדער טון מצוות מיט מער כוונה, דארף ער געדענקען אז דער אויבערשטער האט נישט קיין שום פראבלעם מיט דעם אז ער עסט דאס; אדרבה, טאקע צוליב דעם האט דאס דער אויבערשטער באשאפן, אז א איד זאל נעמען דעם הייליגן פונק פון דעם שורש התענוג וואס ליגט דא באהאלטן און עס ניצן מיט דער ריכטיגע מטרה צו אנטפלעקן אז דאס איז פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד וועגן.

עס איז דאך דא אן אפענע הלכה אין שולחן ערוך (סי' פ"ט סעיף ג-ד) אז מען טאר נישט עסן פאר'ן דאווענען, און עס שטייט א שארף לשון אז ווער עס עסט פאר'ן דאווענען ווארפט כביכול דעם אויבערשטן אונטער זיין אייגענעם כבוד ח"ו, אבער אויב איינער איז שוואך און ער קען נישט מכוון זיין בתפילה אן עסן, אדער ח"ו א חולה וואס מוז עסן, איז דאך די הלכה אז ער זאל דייקא יא עסן און פאר אים איז דאס א מצוה.

אבער א רגע! **וויאזוי איז מעגליך אז ביי איינעם איז דאס עסן א גסות הרוח און א פגיעה כביכול אינעם כבוד שמים, און ביים צווייטן נישט?** דער תירוץ איז אז דער וואס טוט עס מיט דער כוונה אז ער זאל דווקא יא

> **דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט, "מיין מיינונג איז אז א מענטש זאל זיך אננעמען די דריי זאכן: אהבת השי"ת, אהבת ישראל, אהבת התורה, און ער דארף נישט מאכן קיין סיגופים.**

קענען דאווענען און ער וויל דערמיט נענטער ווערן צום אויבערשטן, איז פשוט אז עס איז נישט קיין פגיעה אין כבוד שמים. און די זעלבע זאך איז ווען א מענטש נעמט א פיינעם מאכל וואס קען אים צוהעלפן אין עבודת ה', און ער מאכט אויף דעם א ברכה, צייגט ער דערמיט קלאר: "**הייליגער באשעפער, איך וויל דו זאלסט מיטהאלטן ווי איך, דיין קינד, אנערקען אז דיין געטליכקייט ליגט אין יעדער זאך וואס דו האסט באשאפן, כדי מיר זאלן דיר קענען לויבן אויף דער וועלט!**" (כתר שם טוב אות קצ"ד; בת עין חוקת ד"ה דבר אל; ערבי נחל בהעלותך ד"ה אמנם).

די זעלבע זאך איז מיט איינעם וואס דארף אמאל גיין אביסל זיך אויסלופטערן אדער זיך אראפלייגן, כדי אויסצוקלארן זיין מוח ער זאל קענען לערנען מיט ישוב הדעת, איז אוודאי און אוודאי אז דער תענוג איז געמאכט געווארן פונקט פאר אים. טאקע צוליב דעם האט דער אויבערשטער דאס באשאפן, ער איז אנגעקומען צו דער ריכטיגער מטרה פארוואס דאס איז דא אויף דער וועלט. און אנשטאט זיך צו רייסן מיט'ן גוף און נישט שלאפן די שעות וואס פעלט אים אויס צו האבן א רואיגן קאפ, זאל ער יא גיין שלאפן, און דערביי געדענקען אז דאס טוט ער מיט א כוונה צו האבן א געזונטן גוף, וואס אזוי וועט ער קענען בעסער לערנען, און צופרי וועט ער אויפשטיין מיט נייע פרישע כוחות לעבודת הבורא יתברך שמו.

אויף אזא אופן וועט ער דערהייבן דעם תענוג צום ריכטיגן שורש וואס ליגט דארט באהאלטן, און עס איז נישט קיין שום פראבלעם אז ער באניצט זיך מיט'ן תענוג גשמי; אדרבה, דאס הייסט ריכטיג געניצט און טאקע דאס וויל דער אויבערשטער, ווי אין שולחן ערוך שטייט (או"ח סי' רל"א) אז ווער עס טוט אזוי דינט שטענדיג דעם אויבערשטן, אפילו בשעת ווען ער איז עוסק אין גשמיות [זע תוספת נופך ג'].

ד

# פרישות מיט שכל

## נישט 'באדראען' דעם יצר הרע

דער וועג פון דינען דעם אויבערשטן בשעת מען איז עוסק אין עולם הזה האט נאך א גרעסערע מעלה ווי תעניתים, ווייל א מענטש וואס הייבט אן זיך מסגף צו זיין, און אזוי וויל ער מבטל זיין דעם 'יש' פון גשמיות, וועט זיך אנשטויסן אין א שווערן קאמף פון דעם יצר הרע וועלכער שפירט זיך גענצליך באדראעט.

דער יצר הרע איז דאך דא פאר א תכלית, אריינצוברענגען אין דעם מענטש א גשמיות'דיגן תענוג, דעם חלק ה'יש' פונעם תענוג, און אונזער עבודה איז נישט צו ווערן איבערגענומען דערפון נאר עס ארויפצוברענגען צום אויבערשטן און מאכן דערפון אן 'אין'. אויב וועט דער מענטש אויסרייסן פון זיך יעדן סארט גשמיות'דיגן תענוג, וועט דער יצר הרע זיך שטארקן מיט אלע כוחות אויפ'ן מענטש, און ער וועט ביי אים גרויס מאכן דעם 'יש' אויף א מורא'דיגן פארנעם, און סוף כל סוף פאדערט דאך דער גוף זיינס, ממילא קען ער ח"ו אונטערברעכן און זיך נאכשלעפן נאכ'ן גוף נאך שטארקער ווי פריער.

משא"כ אויב מען איז נישט גענצליך מבטל דעם 'יש', מען עסט און מען טרינקט, פילט זיך נישט דער יצר הרע באדראעט אז מען וויל אים מבטל זיין, ווייל ער זעט ווי דער מענטש עסט און טוט אלעס וואס דער גוף פארלאנגט צו טון. דער חילוק איז נאר אז מען איז מעלה דעם 'יש', זיין כוונה איז אויף א העכערן פארנעם, און מיט די אלע זאכן צילט ער נאר צו טון דעם רצון הבורא, איז הגם יעדער האט א מלחמת היצר, איז אבער נישטא אזא ווידערשטאנד פונעם יצר הרע ווי ביי דעם וואס פרובירט מבטל צו זיין דעם 'יש', ממילא קען דאס אנהאלטן און האבן א קיום.

## אפשטופן ארבעט בעסער ווי אפשיידן

וואס מער א מענטש לייגט צו קאפ אז אלע תענוגים אויף דער וועלט איז די מטרה דערפון אז דאס זאל צוברענגען צו עבודת ה', וועט ער למעשה

# תוספת נופך

**א]** זע דאס לשון פונעם 'מאור עינים' פרשת מטות ד"ה וידבר משה:

"כִּי מָה שֶׁכָּתוּב בַּגְּמָרָא הַיּוֹשֵׁב בַּתַּעֲנִית נִקְרָא קָדוֹשׁ הוּא גַּם כֵּן אֱמֶת, שֶׁשְּׁנֵי הַדֵּעוֹת הֵן אֱמֶת, כִּי גֹּדֶל מַדְרֵגַת הַתַּעֲנִית בֶּאֱמֶת בִּשְׁלֵמוּת הַגָּמוּר הַצָּרִיךְ לָזֶה הוּא מַדְרֵיגָה גְּדוֹלָה מְאוֹד... **מִכָּל מָקוֹם מִפְּנֵי שֶׁצָּרִיךְ מוֹחִין גְּדוֹלִים לָזֶה לַאו כָּל מוֹחָא סָבִיל דָּא... עַל כֵּן טוֹב לוֹ שֶׁיִּתֵּן דַּעְתּוֹ לְקַיֵּם בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ שֶׁהוּא יוֹתֵר נֵקֵל לוֹ וְהָבֵן**".

**ב]** אין דעם ענין פון נעמען גשמיות'דיגע תענוגים און עס ניצן אויף רוחניות, זע דאס מורא'דיגע לשון פון הרה"ק ר' חיים חייקא מאמדורא זי"ע, מגדולי תלמידי המגיד הגדול זי"ע, אין זיין הייליגן ספר 'חיים וחסד' ישעיה אות ר"י:

"זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא שֶׁיֵּלֵךְ תָּמִיד ברחבות, **וְהַרחבות יָבוֹא לוֹ כְּשֶׁיִּסְתַּכֵּל עַל תַּעֲנוּג שֶׁיֵּשׁ לוֹ מִמֶּנָּה, הֵן בִּרְאִיָּה הֵן בַּשְּׁמִיעָה הֵן בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, לֹא עַל הַגּוּף אֶלָּא חַיּוּת פְּנִימִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ**, וּבָזֶה יֵשׁ עֲלִיָּה אַל הַמַּאֲכָל שֶׁנֶּאֱמַר: "וּתְמוּנַת ה' יַבִּיט". דֶּרֶךְ מָשָׁל **כְּשֶׁצָּרִיךְ לֶאֱכֹל הֲרֵי הוּא מְחֻסָּר לְהִתְעַנּוּג אֲכִילָה וּבַאֲכִילָה נִתְמַלֵּא, וּבַמֶּה הוּא מְמַלֵּא חֶסְרוֹנוֹ, בְּתַעֲנוּג ה' שֶׁיֵּשׁ בְּאֹכֶל הַהוּא. כְּשֶׁיִּסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר כָּךְ הָאֵיךְ לֹא יִתְלַהֵב לִבּוֹ לַתּוֹרָה וְלַתְּפִלָּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תַּעֲנוּג אֵין סוֹף ב"ה, וּכְשֶׁיַּרְגִּיל בְּדָבָר זֶה מֻבְטָח שֶׁיָּבֹא לַמַּדְרֵגָה גְּדוֹלָה מֵחֲמַת שֶׁיִּתְקַשֵּׁר וְיִתְגַּדֵּל בְּעֵינָיו זֶה הַשֵּׂכֶל כָּבוֹד ה' מֵחֲמַת הִסְתַּכְּלוּת שֶׁלּוֹ שֶׁמִּסְתַּכֵּל תָּמִיד אֶל הַפְּנִימִית הַבּוֹרֵא** יוֹתֵר מִכָּל הָעֲבֹדוֹת הָאַרְצִיּוֹת וְאֵין לוֹ תַּעֲנוּג אֶלָּא מִזֶּה שֶׁהוֹלֵךְ בְּמַחֲשָׁבָה וּבִדְבֵקוּת הַשֵּׂכֶל וְהַמַּחֲשָׁבָה נִקְרָא י"ה שֶׁאָנוּ מְחֻבָּרִין בהקב"ה".

**ג]** איבער דעם ענין אז מען דארף עוסק זיין אין עולם הזה כדי צו האבן כוח פאר עבודת ה', זע דאס לשון פונעם טורי זהב (אה"ע סי' כ"ה סק"א) וואס ער ברענגט בשם דעם הייליגן רמב"ם

"וּדְכַוָּותֵיהּ מָצִינוּ שֶׁכָּתַב הָרַמְבָּ"ם עַל פָּסוּק בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ, דְּהַיְנוּ **מִי שֶׁאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה וּמְעַדֵּן נַפְשׁוֹ כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בָּרִי וְחָזָק לַעֲבוֹדַת הַשִּׁי"ת יֵשׁ לוֹ שָׂכָר כְּמוֹ שֶׁמִּתְעַנֶּה.** וּדְבָרִים אֵלּוּ אַסְמַכְתָּא אַקְּרָא 'שָׁוְא לָכֶם מַשְׁכִּימֵי קוּם' כו', דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ ת"ח מְנַדְּדִין שֵׁנָה מֵעֵינֵיהֶם וְעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה הַרְבֵּה, וְיֵשׁ ת"ח שֶׁיְּשֵׁנִים הַרְבֵּה כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם כֹּחַ הֶחָזֵק וּזְרִיזוּת לֵב לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה, וּבֶאֱמֶת יָכוֹל לִלְמֹד בְּשָׁעָה אַחַת מָה שֶׁזֶּה מִצְטַעֵר וְעוֹסֵק בִּשְׁנֵי שָׁעוֹת, וּבְוַדַּאי **שְׁנֵיהֶם יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר בְּשָׁוֶה.** עַל כֵּן אָמַר 'שָׁוְא לָכֶם', דְּהַיְנוּ בְּחִנָּם לָכֶם שֶׁאַתֶּם מִצְטַעֲרִים וּמַשְׁכִּימִים בַּבֹּקֶר 'וּמְאַחֲרֵי שֶׁבֶת' בַּלַּיְלָה וּמְמַעֲטִים שְׁנָתָם זֶה בְּחִנָּם, כִּי 'כֵּן יִתֵּן ה' לִידִידוֹ שֵׁנָה', דְּהַיְנוּ **מִי שֶׁיָּשֵׁן הַרְבֵּה כְּדֵי שֶׁיְּחַזֵּק מוֹחוֹ בַּתּוֹרָה נוֹתֵן לוֹ הקב"ה חֶלְקוֹ בַּתּוֹרָה כְּמוֹ אוֹתוֹ שֶׁמְּמַעֵט בְּשֵׁנָה וּמִצְטַעֵר עַצְמוֹ**, כִּי הַכֹּל הוֹלֵךְ אַחַר הַמַּחֲשָׁבָה".

זע אויך דאס הייליגע לשון פונעם 'דגל מחנה אפרים', אין פרשת קדושים (ד"ה אל תפנו אל האלילים) וזלשה"ק:

"כִּי הָאָדָם הָעוֹבֵד ה' בְּכָל דְּרָכָיו וּמְקַיֵּם בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ **שֶׁעוֹשֶׂה הַכֹּל בְּדַעַת כְּמוֹ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְשֵׁנָה וְדִבּוּרָיו עִם הָעוֹלָם בִּכְדֵי לְקָרְבָן אוֹ בִּכְדֵי לְהָסֵר מִמֶּנּוּ הָעַצְבוּת אוֹ בִּכְדֵי פַּרְנָסָתוֹ לְהַחֲיוֹת אֶת נַפְשׁוֹ בִּכְדֵי שֶׁלֹּא יְמָנְעֶנּוּ מִלַּעֲבֹד ה' וְאִם הוּא עוֹשֶׂה זֹאת בְּדַעַת, אֲזַי הַכֹּל נַעֲשֶׂה עֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ** וּכְמוֹ שֶׁאָמַרְתִּי כְּבָר שֶׁהֵם הַנִּקְרָאִים חֻלִּין שֶׁנַּעֲשׂוּ עַל טָהֳרַת הַקֹּדֶשׁ וְהֵם הֵם דִּבְרֵי חֲזָ"ל עַל "וְעָלֵהוּ לֹא יִבּוֹל אֲפִלּוּ שִׂיחַת חֻלִּין שֶׁל ת"ח צְרִיכִין לִמּוּד" כִּי כָּל דִּבְרֵיהֶם הִיא תּוֹרָה וְהַנְהָגָה יְשָׁרָה".

## אונזער עבודה איז נישט צו ווערן איבערגענומען פונעם גשמיות'דיגן 'יש', נאר עס ארויפצוברענגען צום אויבערשטן און מאכן דערפון אן 'אין'.

מער און מער פארשטיין אז אויב דער יעצטיגער תענוג העלפט אים נישט צו פאר עבודת ה', נאר סתם אזוי שמעקט אים יעצט זיך נאכצוגעבן א פארגעניגן, איז ממש א שאד דאס צו טון, ווייל ער דערלייגט דא א געוואלדיג געווינס. ער קען דאך ניצן דעם תענוג פאר דער ריכטיגער מטרה, פארוואס זאל ער דאס סתם פארפאטשקען אן קיין אמת'ן ציל?

דווקא איינער וואס גיט נישט גענצליך אויף זיינע תענוגים גשמיים, קען אויפטון א געוואלדיגע עבודה ווען ער איז טאקע נזהר זיך נישט נאכצוגעבן איבריגע תאוות, **אפילו ווען עס איז אויף אן אופן וואס איז מותר.** מוותר זיין דא און דארט אויף אן איבריגן תענוג וואס פעלט אים נישט אויס, צי אפילו נאר אפשטופן דעם תענוג מיט עטליכע מינוט אדער א שעה, איז דאס א געוואלדיגער ריווח צו קענען באקומען אנשטאט דעם א העכערן תענוג רוחני.

דער הייליגער תניא (פרק כ"ז) שרייבט אויף דעם זייער א שטארק לשון, ער ברענגט פון דער גמרא (שבת י.) אז די פערטע שעה פון טאג איז די צייט וואס אלע מענטשן עסן זייער סעודה, און די סעודה פון די תלמידי חכמים איז אין דער זעקסטער שעה פון טאג. זאגט דער בעל התניא אז די תלמידי חכמים האבן ספעציעל אפגעשטופט זייער סעודה אויף צוויי שעה שפעטער, מכניע צו זיין זייער יצר הרע און זיך איינהאלטן די צוויי שעה פון עסן.

פירט ער דארט אויס אז ווען א מענטש 'שעכט דעם יצר הרע' אפילו מיט איין שעה, צום ביישפיל ווען ער שטופט אפ זיין סעודה מיט א שעה, און ער לערנט אין דער צייט, צי ווען ער האלט זיך צוריק פון שמועסן אדער אפילו טראכטן סתם וועלטליכע זאכן, ברענגט ער אראפ אויף זיך א קדושה עליונה וואס העלפט אים גאר שטארק אין עבודת ה'.

### טרעפן רוחניות ביי זיך, באשר הוא שם

די עבודה פון טרעפן די רוחניות אין דער גשמיות איז געזאגט געווארן פאר יעדן איד באשר הוא שם. אויב מיר ווילן זוכה זיין צו שפירן אן אמת'ן תענוג אין אונזער לעבן, דארפן מיר נישט אוועקפארן אויף שווייץ צו זוכן א פינטל פון רואיגקייט און מנוחה און זיך איינרעדן אז אזוי וועלן מיר הנאה האבן פונעם לעבן, ווייל די שווערע פעקלעך באגלייטן דעם מענטש אויך אהין. אפילו ער פרישט זיך אויף אויף דער מינוט און ער האט הנאה, רייניגט עס נישט אויס זיין מוח צו פילן פון יעצט און ווייטער א געשמאק אין זיין לעבן.

דער ריכטיגער וועג איז **פשוט זיך צו באהעפטן צום מקור התענוג והשמחה** דארט וואו ער איז און ביי יעדער זאך וואס ער טוט. עסן מיט אן ערליכער ברכה, ליינען ערליך קריאת שמע און מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים איידער'ן זיך לייגן שלאפן, און אזוי ווייטער. די מציאות איז אז די וואס פירן זיך אזוי שפירן סאך א בעסערן טעם אין זייער לעבן, יעדער קלענסטער חיבור צום מקור התענוג איז א פארגעניגן שאין כדוגמתו.

פארשטייט זיך אז אויב דער יצר הרע קומט פארשלאגן א תענוג וואס די תורה האט גע'אסר'ט, דארף מען אנטלויפן דערפון און ח"ו נישט מטמא זיין די נשמה. און דעמאלט דארף מען טראכטן צו זיך: א שוטה דארף איך זיין צו פארטוישן מיין פאלאץ פאר א מיסטקאַסטן. איך האב דאך דא אזא טייערן אוצר, וואס הייסט תענוג, וואס איך קען דורכדעם זוכה זיין זיך צו באהעפטן צום מקור התענוג און פארדינען א זיסקייט אין מיין לעבן; **וועל איך דאס אוועקגעבן פאר א נארישער הנאה וואס וועט מיך אינגאנצן דערווייטערן פונעם אמת'ן מקור התענוגים?!**

אין יענער רגע, אפילו ער זעט דאס נישט מיט די פליישיגע אויגן, לייכט אויף אזא ריזיגן אור אויבן אין הימל, וואס מלאכים און שרפים קענען נישט אויסהאלטן. עס קומט ארויף א כבוד און א גרויסקייט צום אויבערשטן, וואס קיין שום מלאך אדער שרף קען נישט באגרייפן. קעגן דעם באקומט דער איד צוריק פון אויבן א נייעם תענוג רוחני וואס ער האט ביז דאן נישט געהאט, ער פילט גליקליך און צופרידן, ווי די מציאות ווייזט אז א איד וואס איז זיך מתגבר פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד ווערט מחובר צום שורש העליון אויפ'ן שטארקסטן פארנעם און ער ווערט פול מיט הויפנס פון תענוג און שמחה דקדושה (כתר שם טוב אות ת"ז; ליקוטים יקרים להמגיד הגדול זי"ע אות ק"ס, ואות ר"כ).

## חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **דער תכלית פון גשמיות'דיגע תענוגים איז צו דערנענטערן דעם מענטש צום אמת'ן תענוג רוחני.**
- א איד וואס לעבט מיט רוחניות פעלט אים נישט קיין הנאה פון לעבן; פארקערט, זיין גאנץ לעבן איז אנגעפילט מיט א רוחניות'דיגן תענוג.
- **דער דרך הבעש"ט הק' איז דווקא זיך נישט אפצושיידן גענצליך פון תענוגי עולם הזה און פאסטן תעניתים**
- סיגופים און תעניתים זענען נישט געמאכט פאר היינטיגע דורות, ווייל דאס קען אפשוואכן די עבודת ה'.
- **אויב מען וועט זיך גענצליך אפשיידן פון עולם הזה, וועט מען נישט קענען ארויפברענגען דעם גשמיות'דיגן תענוג צו דעם רוחניות'דיגן שורש.**
- דער ריכטיגער וועג פון עבודת ה' לויט'ן דרך החסידות איז ארייצוברענגען דעם אויבערשטן אין די תענוגי עולם הזה.
- **כאטש מען דארף עוסק זיין אין גשמיות, איז א גרויסער ענין זיך איינצוהאלטן פון איבריגע תענוגים און אפצושטופן דעם תענוג אפילו פאר א קורצער ווײַלע.**

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

**ההפצה ב'בארא פארק'**
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ חי' שרה בת יקותיאל ארי' ע"ה